ברכות חוזר לתחלת ברכה שטעה בה זאל ער אנהייבן נאך אמאהל די ברכה וואס ער האט אין איהר געהאט אטעות, דהיינו ער האט געהאט אטעות אין די ברכה ברך עלינו, זאל ער אנהייבן נאך אמאהל ברך עלינו ומשלים תפלתו על הסדר אונ ער דאווינט ווייטער די שמונה עשרה ביז בשלום וכן שליח צבור שטעה כשהוא מתפלל בקול רם אונ אויב דער חזן האט געהאט אטעות אין די הויכע שמונה עשרה על דרך זו הוא חוזר זאל ער אויך אזוי טאהן וויא אלע טוהען ווען זיי האבין אטעות אין די שטילע שמונה עשרה: (ב) אבל טעה שליח צבור כשהוא מתפלל בלחש אבער אז דער חזן האט געהאט אטעות ווען ער האט געדאווינט פאר דעם עמוד די שטילע שמונה עשרה אני אומר שאינו חוזר ומתפלל פעם שניה זאגט דער רמב"ם איך זאג דער חזן זאל ניט דאווענען נאך אמאהל וואס ער האט שוין גע־דאווינט מפני טורח צבור ווייל עס איז שווער פאר דיא מענטשין צו ווארטין ביז דער חזן וועט אפ באווענען צווייא מאהל דיא שטילע שמונה עשרה אלא סומך על התפלה שמתפלל בקול רם נאר ער פארלאזט זיך אויף די הויכע שמונה עשרה וואס ער וועט באלד דאווענען והוא שלא טעה בשלשה הראשונות דאס איז נאר אז דער טעות איז ניט געווען אין דיא ערשטע דרייא ברכות, נאר אין אברכה פון דיא ווייטערדיגע ברכות שאם טעה בהם לעולם חוזר כמו שהיחיד חוזר אונ אויב דער חזן האט געהאט אטעות אין די שטילע שמונה עשרה אין איינע פון די ערשטע דרייא ברכות זאל ער אנהייבן נאך אמאהל פון אנהייב שמונה עשרה אזוי וויא אלע אנדערע מענטשין טוהען:

שאינה מקפדת ותושש בצער חברתה וואס איז דער אונטערשייד צווישען אים אונ אבהמה, די בהמות ווייסין אויך נאר זייער צער אבער דעם צער פון די אנדערע בהמה ווייס זיא ניט אונ זארגט ניט פאר איר אמר החכם מי שזורע את השנאה יקצור את החרטה דער חכם זאגט דער מענטש וואס פארזייט ביא זיך אין הארצין אפיינדשאפט אויף זיין חבר, אדער ער פארזייט ביי זיין חבר אין הארצין אפיינדשאפט זיין חבר זאל אים פיינט האבין, וועט ער נאכדעם חרטה האבין אחרית קטטה חרטה דער סוף פון אקריג איז חרטה, ביידע האבין חרטה המתן מעט ולא תתחרט ווארט אביסיל אונ געטראכט ווער עס איז גירעכט וועסטו דיך ניט קריגען אונ וועסט ניט האבין חרטה הליצנות מעביר המורא והוא שניה לערוה דער מענטש וואס לאכט פון יודישע מנהגים ווארפט ער אראפ פון זיך די מורא פון הקב"ה, אונ ער וועט קומען צו זנות וכל המתלוצץ נופל בגיהנם דער וואס לאכט פון יודישע מנהגים וועט ער פאלין אין גיהנם ואינו זוכה להקביל פני שכינה אונ ער וועט ניט זוכה זיין צו זעהן די שכינה כמו שדרשו רבותינו זכרונם לברכה מן המקראות ווי די רבנן האבין דאס אפגילער־נט פון פסוקים כמה יתנקם אדם משונאו מיט וואס זאל אמענטש נעמען אנקמה פון זיין שונא יוסיף מעלה יתרה בעצמו ער זאל פארגרעסערין זיינע מעלות המתקן בינו לבין הבורא דער מענטש וואס פארבעסערט זיינע מעשים צווישען זיך אונ הקב"ה יתקן הבורא בינו לבין בני אדם וועט הקב"ה פארבעסערין ואונ מאכין שלום צווישען אים מיט אנדערע מענטשין:

## קרח יום ד תורה

## אונקלוס

לתמשיך מת"ת דו"א יהוה נפש י יה יהו יהוה רוח יוד הא ואו הא נשמה יהוה חיה יחידה ו דמלוי וו אל שם ב"ן שבעשית בניקוד חולם:

טז ויאמר משה אל־קרח אתה וכל־עדתך היו לפני יהוה אתה והם

טז ואמר משה לקרח את וכל כנשתך הוו זמינין לקדם יי את ואינון

ת"א ויאמר משה אל קרח מ"ק יז:

פירוש לתורת אלהים

(טז) ויאמר האט משה גיזאגט צו קרח היו זייט לפני יי פאר גאט אתה דוא והם אונ זיי דיין עדה ואהרן מחר אונ אהרן זאלט איהר זיין מארגין פאר גאט:

וְאַהֲרֹן מָחָר: יז וּקְחוּ | אִישׁ מַחְתָּתוֹ
וּנְתַתֶּם עֲלֵיהֶם קְטֹרֶת וְהִקְרַבְתֶּם
לִפְנֵי יְהוָה אִישׁ מַחְתָּתוֹ חֲמִשִּׁים
וּמָאתַיִם מַחְתֹּת וְאַתָּה וְאַהֲרֹן אִישׁ
מַחְתָּתוֹ: יח וַיִּקְחוּ אִישׁ מַחְתָּתוֹ וַיִּתְּנוּ
עֲלֵיהֶם אֵשׁ וַיָּשִׂימוּ עֲלֵיהֶם קְטֹרֶת
וַיַּעַמְדוּ פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וּמֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן: יט וַיַּקְהֵל עֲלֵיהֶם קֹרַח אֶת־
כָּל־הָעֵדָה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד

וְאַהֲרֹן מְחַר: יז וְסַבוּ
גְבַר מַחְתִּיתֵיהּ וְתִתְּנוּן
עֲלֵיהוֹן קְטוֹרֶת בּוּסְמִין
וּתְקָרְבוּן קֳדָם יְיָ גְבַר
מַחְתִּיתֵיהּ מָאתַן וְחַמְשִׁין
מַחְתְּיָן וְאַתְּ וְאַהֲרֹן גְבַר
מַחְתִּיתֵיהּ: יח וּנְסִיבוּ
גְבַר מַחְתִּיתֵיהּ וִיהַבוּ
עֲלֵיהוֹן אֶשָּׁתָא וְשַׁוִּיאוּ
עֲלֵיהוֹן קְטוֹרֶת בּוּסְמִין
וְקָמוּ בִּתְרַע מַשְׁכַּן זִמְנָא
וּמשֶׁה וְאַהֲרֹן: יט וְאַכְנֵשׁ
עֲלֵיהוֹן קֹרַח יָת כָּל
כְּנִשְׁתָּא לִתְרַע מַשְׁכַּן
זִמְנָא וְאִתְגְּלֵי יְקָרָא דַיְיָ

## בעל הטורים

(יט) ויקהל עליהם קרח. כמו שנאמר לאהרן כשנכנס ואת כל העדה

## שפתי חכמים

י וא"ת והלא כתיב באותו פסוק אתה וכל עדתך. וי"ל לפי שקרח היה סבור שמשה ילך מאהם ואמר קרח אליו לא תלך ממנו כי אין בלבנו עליך אלא על אהרן אחיך ואז השיב משה ואמר לו אתה ואהרן והם מחר כו', עלאתי. והרא"ם פי' שלא נחשוב שעלת הם מורה על אנשים אחרים חוץ מהנזכרים לעיל דהם ר"ן איש דומיא דאהרן שהוא חוץ מהנזכרים שהרי כתיב אחריו וחמשים ומאתים מחתות ואתה וגו' שהם הנזכרים לעיל: כ דאל"כ אין הקהיל עליהם כל ישראל אל פתח אהל מועד והלא לא היו במחלוקת רק קרח ודתן ואבירם ור"ן איש דאילו הו מתחלה במחלוקת היו נקהלים גם הם על משה ועל אהרן

## רש"י

(טז) והם. ועדתך: (יז) והקרבתם וגו' איש מחתתו. החמשים ומאתים איש שבכם: (יט) ויקהל עליהם קרח. (תנחומא) בדברי ליצנות כל הלילה ההוא הלך אצל השבטים ופתה אותם כסבורין אתם שעלי לבדי אני מקפיד איני מקפיד אלא בשביל כלכם אלו באין ונוטלין כל הגדולות לו המלכות ולאחיו הכהונה עד שנתפתו

## ליקוטים על התורה

(יח) וַיִּקְחוּ אִישׁ מַחְתָּתוֹ וגו'. די תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִיא הֶעזֶע פוּן דִיא צְוֵויי הוּנְדֶערְט פוּנְפְצִיג מֶענְטְשֶׁן זֵיי הָאבִּין גֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע קְטֹרֶת אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין דִיא טִיר פוּן אֹהֶל מוֹעֵד נָאךְ פְרִיעֶר אֵיידֶער משֶׁה מִיט אַהֲרֹן וֶועגֶן גֶעקוּמֶען צוּם אֹהֶל מוֹעֵד, וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֵייא הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין דִיא טִיר פוּן אֹהֶל מוֹעֵד אוּנ משֶׁה מִיט אַהֲרֹן זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּא דִיא טִיר פוּן אֹהֶל מוֹעֵד, נָאר שְׁפֶּעטֶער וְוי זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען הָאבִּין דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט פוּנְפְצִיג מֶענְטְשִׁין גֶעוִויזֶען אַז זֵיי מֶעגִין קוּמֶען צוּם אֹהֶל מוֹעֵד אַזוֹי גוּט וְוִיא משֶׁה מִיט אַהֲרֹן, אוּנ משֶׁה מִיט אַהֲרֹן זֶענֶען נִיט הֵיילִיגֶער פוּן זֵייא:

(יט) וַיַּקְהֵל עֲלֵיהֶם קֹרַח אֶת כָּל הָעֵדָה וגו'. קֹרַח הָאט פַארְזַאמֶעלְט אַלֶע יוּדִין אוֹיף משֶׁה מִיט אַהֲרֹן. דִיא בְּכוֹרִים הָאבִּין גֶעהַאט אַטֶענָה פַאר וָואס משֶׁה הָאט זֵייא דֶערְנִייטֶערְט פוּן מִשְׁכָּן, דִיא לְוִיִּם הָאבִּין גֶעהַאט אַטֶענָה פַאר וָואס משֶׁה הָאט גִיזָאגְט זֵייא זָאלִין בַּאדִינֶען אַהֲרֹן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דִיא נְשִׂיאִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַטֶענָה פַאר וָואס הָאט משֶׁה גֶעזָאגְט נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב זָאל זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דֶעם בֶּעגַייהוּנְג פוּן מִזְבֵּחַ, פַאר וָואס אִיז נִיט גִיוֶועזֶן דִיא נְשִׂיאִים כְּסֵדֶר דֶער נָשִׂיא פוּן רְאוּבֵן אוּנ דֶער נָשִׂיא פוּן שִׁמְעוֹן אוּנ אַזוֹי אַלֶע נְשִׂיאִים, גֶעוִויס הָאט משֶׁה גִיגֶעבִּין דֶעם כָּבוֹד צוּא נַחְשׁוֹן וַוייל עֶר אִיז דֶער שְׁוָואגֶער פוּן אַהֲרֹן:

## פירוש לתורת אלהים

(יז) וּקְחוּ אוּנ גֶעמְט אִישׁ אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ מַחְתָּתוֹ זַיין פַייעֶר פַאן וּנְתַתֶּם אוּנ אִיהר זָאלְט גֶעבִּין אוֹיף דִיא פַייעֶר פַאנֶען דָאס קְטֹרֶת וְהִקְרַבְתֶּם אוּנ אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ פוּן אַייךְ זָאל גִינֶעהֶנְין זַיין פַייעֶר פַאן פַאר גָאט חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם צְוֵויי הוּנְדֶערְט מִיט פוּפְצִיג פַייעֶר פַאנֶען וְאַתָּה אוּנ דוּא קֹרַח אוּנ אַהֲרֹן זָאלְט אוֹיךְ גִינֶעהֶנֶען אִישׁ מַחְתָּתוֹ אִיטְלִיכֶער מַאן זָאל נֶעמֶען זַיין פַייעֶר פַאן: (יח) וַיִּקְחוּ אוּנ זֵיי הָאבִּין גִינוּמֶען אִישׁ מַחְתָּתוֹ אִיטְלִיכֶער מַאן זַיין פַייעֶר פַאן וַיִּתְּנוּ אוּנ הָאבִּין גִיגֶעבִּין אוֹיף זֵיי פַייעֶר וַיָּשִׂימוּ אוּנ הָאבִּין גִיטָאהן אוֹיף זֵייא קְטֹרֶת וַיַּעַמְדוּ אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בֵּיי דֶער טִיר פוּן דֶעם אוֹהֶל מוֹעֵד וּמשֶׁה וְאַהֲרֹן אוּנ משֶׁה מִיט אַהֲרֹן הָאבִּין זִיךְ אוֹיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּייא דֶער טִיר פוּן דֶעם אוֹהֶל מוֹעֵד: (יט) וַיַּקְהֵל הָאט קֹרַח גִימַאכְט אַיין זַאמְלֶען אוֹיף זֵיי גָאר דִיא עֵדָה צוּ דֶער טִיר פוּן דֶעם אוֹהֶל מוֹעֵד. רש"י שְׁרַייבְּט קֹרַח אִיז אַגַאנְצֶע נַאכְט אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שְׁבָטִים אוּנ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אִיר מֵיינְט דֶען אַז אִיךְ קְרִיג מִיךְ פוּן מֵיינֶעט וֶועגִין אַלֵיין אִיךְ קְרִיג מִיךְ פוּן אַייךְ אַלֶע וֶועגִין דִיא דָאזִיגֶע קוּמֶען נֶעמֶען צוּ אַלֶע גְדוֹלוֹת, משֶׁה הָאט

וַיֵּרָא כְבוֹד־יְהוָה אֶל־כָּל־הָעֵדָה׃
שלישי כ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־
אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ כא הִבָּדְלוּ מִתּוֹךְ
הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע׃

לְכָל כְּנִשְׁתָּא׃ כ וּמַלִּיל יְיָ עִם מֹשֶׁה וְעִם אַהֲרֹן לְמֵימַר׃ כא אִתְפְּרַשׁוּ מִגּוֹ כְּנִשְׁתָּא הָדָא וַאֱשֵׁיצֵי יָתְהוֹן כְּשָׁעָה׃

ת"א הבדלו מתוך. ברכות כא מגילה כג סנהדרין עד:

## בעל הטורים

העדה הקהילו: (כא) כרגע ב' במס', בהאי פרשה, ואידך איך היו לשמה כרגע. רמז למ"ד עדת קרח אין להם חלק לעה"ב היינו דכתיב לשמה כרגע ההו המו ההו בעה"ז המו לעה"כ:

## שפתי חכמים

קשה על כרחך בדברי ליצנות שהם אותם בלילה ההוא לבד: י' דקשה ליה הלא כבוד ה' תמיד שוכן במשכן. וכרא"ם פי' לא שהשרה עליהם שכינה שהרי אמר הבדלו מתוך העדה וגו':

## רש"י

כלם: וירא כבוד ה'. בא בעמוד ענן:

## פירוש לתורת אלהים

זיך גענומען דאס מלכות אונ זיין ברודער אהרן האט ער גיגעבין די כהונה אונ אזוי האט קרח אנאנצע נאכט גירעט ביז ער האט זייא איבער גירעט זייא זאלין אלע קריגען אונ האט זייא איין גיזאמעלט צו דער טיר פון דעם אוהל מועד: (כ) וידבר יי האט גאט גירעט צו משה אונ צו אהרן אזויא צו זאגין הבדלו שיידט אייך אפ מתוך העדה פון דער דאזיגער עדה ואכלה אונ איך וועל זייא פאר לענדרין אזוי ווי איין אויגין בליק:

## נביאים שמואל א יב

## תרגום

לחמשיך מנ"ת ודיא צבאות נפש צ צב צבא צבאו צבאות רוח יהוה נשמה דנצח אדני נשמה דהוד יהוה חיה
יחידה דנצח יהוה חיה יחידה דהוד אל שם ב"ן שבעשיה:

א אִם־תִּירְאוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ וּשְׁמַעְתֶּם
בְּקֹלוֹ וְלֹא תַמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה וִהְיִתֶם גַּם־אַתֶּם
וְגַם־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־מָלַךְ עֲלֵיכֶם אַחַר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃
ב וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ בְּקוֹל יְהוָה וּמְרִיתֶם אֶת־פִּי יְהוָה
וְהָיְתָה יַד־יְהוָה בָּכֶם וּבַאֲבֹתֵיכֶם׃ ג גַּם־עַתָּה
הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־הַדָּבָר הַגָּדוֹל הַזֶּה אֲשֶׁר יְהוָה
עֹשֶׂה לְעֵינֵיכֶם׃ ד הֲלוֹא קְצִיר־חִטִּים הַיּוֹם אֶקְרָא
אֶל־יְהוָה וְיִתֵּן קֹלוֹת וּמָטָר וּדְעוּ וּרְאוּ כִּי־רָעַתְכֶם
רַבָּה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם בְּעֵינֵי יְהוָה לִשְׁאוֹל לָכֶם מֶלֶךְ׃
ה וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָה וַיִּתֵּן יְהוָה קֹלֹת וּמָטָר

א אִם תִּדַחֲלוּן קֳדָם יְיָ וְתִפְלְחוּן קֳדָמוֹהִי וּתְקַבְּלוּן לְמֵימְרֵיהּ וְלָא תְסָרְבוּן עַל מֵימְרָא דַיְיָ וּתְהוֹן אַף אַתּוּן וְאַף מַלְכָּא דִמְלַךְ עֲלֵיכוֹן בָּתַר פּוּלְחָנָא דַיְיָ אֱלָהֲכוֹן׃ ב וְאִם לָא תְקַבְּלוּן לְמֵימְרָא יְיָ וּתְסָרְבוּן עַל מֵימְרָא דַיְיָ וּתְהֵי מַחְתָא דַיְיָ בְּכוֹן כְּמָא דַהֲוַת בַּאֲבָהַתְכוֹן׃ ג אַף כְּעַן אִתְעַתְּדוּ וַחֲזוֹ יָת פִּתְגָמָא רַבָּא הָדֵין דַּיְיָ עָבֵיד לְעֵינֵיכוֹן׃ ד הֲלָא חֲצַד חִטִּין יוֹמָא דֵין אֱצַלֵּי קֳדָם יְיָ וְיִתֵּן קָלִין וּבְמִטְרָא וּדְעוּ וַחֲזוֹ אֲרֵי בִישַׁתְכוֹן סַגִּיאָה דַעֲבַדְתּוּן קֳדָם יְיָ לְמִשְׁאַל לְכוֹן מַלְכָּא׃ ה וּקְרָא שְׁמוּאֵל קֳדָם יְיָ וִיהַב

וי

## מצודת דוד

(א) תיראו. ר"ל אך אם תיראו את ה' וגו' אז כלכם תהיו אחר ה' כי הוא ילך לפניכם למלחמה ואתם הלכו אחריו: (ב) יד ה'. מכת יד ה': ובאבותיכם. ובמלכיכם כי כל שר ומושל נקרא בל' אב וכן (ברא"שית מה) וישימני לאב לפרעה: (ג) גם עתה. ר"ל ואם תשיבו לומר אם שאלת המלך רעה היתה בעיני ה' למה הסכים על ידינו ע"ז אשיב לכם גם עתה אמר שהסכים שהלכו וראו וגו' ומזה תשכילו לדעת דרכי ה' אשר ימלא שאלת השואל אף אם היא רעה בעיני ה' וגם אם נשאלה לא לטובה יהשב:

## רש"י

(א) והייתם גם אתם. ותתקיימו גם אתם גם המלך: (ב) והיתה יד ה' בכם. כמו שהיה באבותיכם: (ג) וראו את הדבר וגו'. וכשם שע"י תפלה אני יכול לשנות את העתים כך אם פגעה בכם מלחמה היה כח בתפלתי לעמוד על האויב ולא הייתם צריכים לשאול מלך ולזלזל בי:

(ד) הלא קציר חטים היום. וא"כ עתה המטר לקללה תחשב ואף רעה היא בעיני ה' להביא הקללה בעולם על לא דבר: אקרא וגו'. ועכ"ז כאשר אקרא אל ה' על המטר ישמע קולי ויתן קולות לעתים ומעתר כי כן ימלא שאלת המבקש הטובה היא אם רעה: ודעו. ובזה דעו שרבה רעתכם וכאשר אמרתי ואף שהסכים המקום עמכם כי כן מעשה ה' הבל השאלה הוא בעשיתם הרע לעצמכם וגם רעה הוא בעיני ה': (ה) ויקרא שמואל. על העתר כאשר אמר:

בְּיוֹם הַהוּא וַיִּירָא כָל־הָעָם מְאֹד אֶת־יְהוָה וְאֶת־
שְׁמוּאֵל: ו וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעָם אֶל־שְׁמוּאֵל הִתְפַּלֵּל
בְּעַד־עֲבָדֶיךָ אֶל־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאַל־נָמוּת כִּי־
יָסַפְנוּ עַל־כָּל־חַטֹּאתֵינוּ רָעָה לִשְׁאֹל לָנוּ מֶלֶךְ:

יְיָ קָלִין וּמִטְרָא בְּיוֹמָא הַהוּא
וּדְחֵל כָּל עַמָּא לַחֲדָא מִן קֳדָם
יְיָ וּמִפִּתְגָמֵי שְׁמוּאֵל: ו וַאֲמַרוּ
כָּל עַמָּא לִשְׁמוּאֵל צַלִּי עַל
עַבְדָּךְ קֳדָם יְיָ אֱלָהָךְ וְלָא
נְמוּת אֲרֵי אוֹסֵפְנָא עַל כָּל
חוֹבָנָא בִּישְׁתָּא לְמִשְׁאַל לָנָא מַלְכָּא:

## כתובים תהלים צ

להמשיך מיסוד ומלכות דז"א שין דלת יוד נפש שין שין דלת שין דלת יוד רוח יאהדונהי נשמה דיסוד א אד
אדנ אדני נפש אדני רוח אלף דלת נון יוד נשמה דמלכות יו הו וו הו חיה יחידה דיסוד יְהוָה חיה יחידה דמלכות
אל שם ב"ן שבעשיה:

א שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל־עֲבָדֶיךָ: ב שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: ג שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ
שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: ד יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל־
בְּנֵיהֶם: ה וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ
כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ: ו יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל
שַׁדַּי יִתְלוֹנָן:

א תּוּב יְיָ עַד אֵימָתַי
תְּסַגְּפִינָנָא וְתוּב מִן בִּישְׁתָא
דִי מַלֵּילְתָּא לְמֶעְבַּד לְעַבְדָּךְ:
ב שַׂבַּע יָתָנָא לְעָלְמִין
דְּמִתִיל לְצַפְרָא טוּבָךְ וּנְרַנֵּן
וְנֶחְדֵי בְּכוּלְהוֹן יוֹמָנָא: ג שַׂמַּח
יָתָנָא הֵיךְ יוֹמִין דְּסַגִּיפְתָּנָא
הֵיךְ שְׁנַיָּא דַחֲמֵינָא בִּישְׁתָא:
ד יִתְחַמֵּי לְעַבְדָּךְ עוֹבָדֵי נִסָּךְ וְשִׁבְהוֹרָךְ עַל בְּנֵיהוֹן: ה וִיהִי בְּסִימוּתָא דְגַן עֵדֶן מִן קֳדָם יְיָ עֲלָנָא וְעוֹבָדֵי
יְדָנָא מִנֵּיהּ יִתְקְנָן: ו דְּאַשְׁרֵי שְׁכִנְתֵּיהּ בְּרָזָא עִלָּאָה בְּטַלַּל עֲנָנֵי יְקָרָא דְשַׁדַּי יְבִית:

### רש"י

(א) שובה ה'. מחרון אפך: והנחם. חשוב מחשבה טובה על עבדיך: (ב) בבקר. ביום הגאולה: בכל ימינו. בכל הצרות שעברו עלינו: (ג) שמחנו. לימות משיחנו כמנין ימות שעניתנו בגלות, וכמנין שנות אשר ראינו רעה: (ה) נועם ה'. שכינתו: כוננהו. כונן אותו: (ו) יושב בסתר עליון. מי שהוא חוסה בסתר כנפי השכינה הוא יתלונן בצלו שהקב"ה הגין עליו:

### מצודת דוד

(א) שובה ה'. שוב מחרון אפך: עד מתי. תחרה עוד: והנחם. חשוב על עבדיך מחשבה אחרת להיות מרוצה להם: (ב) בבקר. בכל בקר: ונרננה. בהודאה והלל: ונשמחה וגו'. כי תטיב להטיב לנו בעבור רוב ההודאה והלל וכן יהיה הולך וחוזר חלילה כל הימים: (ג) כימות. כמנין הימים אשר עינית אותנו וכפי השנים אשר ראינו רעה, וכפל הדבר במ"ש: (ד) יראה. פועל ידיך יהיו נראים אל עבדיך וגם על בניהם אחריהם תהיה ההדר מעמך: (ה) ויהי נועם. נעימות ה' יהיה עלינו: כוננה עלינו. הכן עלינו להיות מתוקן בידנו ולא יארע לנו תקלה בעת נעשה את המעשה: כוננהו. הכן את המעשה שהיא שלא יארע בה תקלה והפסד מה: (ו) יושב. אמר בל' קריאה אל מי היושב בסתר עליון ר"ל המתבודד בעבודת ה' ובעיון סתרי תורתו בצל כו' אהה כתלונן כו' וכפל הדבר במ"ב:

### פירוש עברי טייטש

(א) שׁוּבָה יְיָ עַד מָתַי קער זיך נאט צו אונז מיט דיין הילף ביז וואנען וועלין מיר זיך אזוי מאטערן וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ אונ בעראטה זיך וועגין דיינע קנעכט, דאס הייסט אז זייא וועלין צייט האבין אויף די עלטער אונ זיי וועלין זיין געזונד, וועלין זייא שוין אנוראי זעהן תשובה טאהן אונ נאט דינען מיט מצות אויך מיט מעשים טובים: (ב) שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ מאך אונז זאט מיט דיין חסד ווען עס איז נאך פריה מארגין דאס הייסט ווען מיר לעבין נאך וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל יָמֵינוּ וועלין מיר דיך לויבען אונ מיר וועלין זיך פרייען מיט אלע אונזערע טעג וואס מיר עקסעסטירען אויף דער וועלט ווארום אין דער יוגענד האבין מיר געארבייט פאר קינדער וועגין אונ אויף דער עלטער האבין מיר געארבייט פאר זיך אז מיר זאלין קומען דיין אויף יענער וועלט: (ג) שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ דערפרייא אונז אויף דער עלטער אזוי וויא דיא יונגע טעג וואס מיר זענען גיפייניגט געווארין שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה דיא יאהרין וואס מיר האבין נאר גיזעהן שלעכטס דא מיט פרנסה דא מיט קינדער: (ד) יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָּעֳלֶךָ זאל שוין גיזעהן ווערין צו דיינע קנעכט דיינע וואונדער, אז זיי זאלין שוין קענין בעטראכטין אויף זייערע עלטער דיינע מעשים וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם אונ דיין שיינקייט זאלין זיי שוין קענען ערקלערין זייערע קינדער: (ה) וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ דענסטמאהל וועט זיין דאס זיסקייט פון גאט אונזער גאט אויף אונז וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ אונ אלע אונזערע האנט ארבייט וועט זיין אנגיבריים פאר אונז דאס הייסט מיר וועלין זעהן אז מיר האבין קיין שום זאך ניט פאר־דארבין אויף דער וועלט וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ אונ דו וועסט נאך פארבריטען אונזערע ארבייט נאך אונזער זיין אויף דער וועלט אונ מען וועט אונז דער מאנען צו גוטען: (ו) יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן מען וועט זאגין

**בן סורר ומורה. משיביא שתי שערות.** והוא בן י"ג שנה ויום א' דמקמי הכי אין השערות סי' אלא שומא: **עד שיקיף זקן התחתון.** אלא זקן דאמרי רבנן התחתון אמרו שיקיף השער סביבות הגיד: **ולא העליון. וזקן ממש: שנאמר בן ולא איש.** משהקיף זקן התחתון איש הוא ואע"ג דמקטנותו הוא קרוי בן לא מצינו לאיוקמי מקמי שיביא שתי שערות דקטן פטור שלא בא לכלל מצות הלכך איוביה בתר הכי הוא וה"ק קרא כי יהי' לאיש בן בן הסמוך לגבורתו של איש בתחלת אישותו הייביה קרא (א) ומשהקיף זקן התחתון איש גמור הוא: **ב תרטימר.** חצי מנה והוא שיהיה הבשר בשיל ולא בשיל כדרך שהלסטים אוכלים: **מן היין האיטלקי.** שהוא משובח וממשיך בתריה והוא דשתי ליה מזיג ולא מזיג: **רבי יוסי אומר וכו'.** ואין הלכה כרבי יוסי: **אכל בחבורת מצוה.** בסעודה של מצוה: **אכל בעיבור החדש.** ואע"ג דאין עולין לאותה סעודה אלא בפת וקטנית בלבד ואיהו אסיק בשר ויין הואיל ובמצוה קא עסיק לא ממשיך: **אבל מעשר שני בירושלים.** כיון דבדרך מצותו הוא דכתיב במעשר שני בבקר ובצאן וביין ושכר לא ממשיך: **נבלות וטרפות שקצים ורמשים.** דכתיב איננו שומע בקולנו ולא זה שאפי'

כלי אמצעי דנלא דמלכות דיליכם א אל

**בן סורר ומורה. מאימתי נעשה בן סורר ומורה, משיביא שתי שערות, ועד שיקיף זקן. התחתון ולא העליון, אלא שדברו חכמים בלשון נקיה. שנאמר כי יהיה לאיש בן, בן ולא בת, בן ולא איש. קטן פטור שלא בא לכלל מצות: ב מאימתי חייב משיאכל תרטימר בשר וישתה חצי לוג יין האיטלקי. רבי יוסי אומר מנה בשר ולוג יין. אכל בחבורת מצוה. אכל בעבור החודש. אכל מעשר שני בירושלים. אכל נבלות וטרפות שקצים ורמשים** (ירושלמי ל"ג [א] **אכל טבל ומעשר ראשון שלא**

(א) ודלמא שנים שלפני גדלות כדאמרינן במופלא הסמוך לאיש ומפרש ר"מ דהכי דייק לאיש דמשמע גבור כדכתיב וחזקת והיית לאיש (מסא"כ כנגדים דאיש מרוחק מיפליא). ועתוי"ט: [א] אכל טבל. ירושלמי ל"ג, וכן הר"ם לא העתיקו בחבורו ופשוט הוא דהא אינו נעשה בן סורר ומורה עד שיאכל בשר וישתה יין ונשתכשו הס' ממס' דברכות שכת עירובין

פרק ח. **א** בן סורר ומורה אין דיא תורה שטייט אז איינער האט אקינד וואס ער איז אסורר ומורה זאל מען איהם פאר שטיינען, פרעגט דיא משנה מאימתי נעשה בן סורר ומורה פון וועלכער צייט ווערט ער אסורר ומורה משיביא שתי שערות אז ער ברייננט צווייא האר וואס עס איז אויף גיוואקסין אונטען אויף די ערוה, דאס איז אז ער ווערט אלט דרייצעהן יאהר מיט אטאג, אבער פאר דרייצעהן יאהר מיט אטאג אז ער איז אסורר ומורה, הרגת מען איהם ניט ועד שיקיף זקן פון דרייצעהן יאהר מיט אטאג ביז דיא האר וואקסט ארום וויא אבארד, אז ער איז אסורר ומורה הרגת מען איהם, אבער אז דיא האר איז שוין ארומגיוואקסין ווי אבארד אונ ער איז אסורר ומורה, הרגת מען איהם ניט התחתון מען מיינט אונטען [illegible] אויף גיוואקסין האר וויא אבארד ולא העליון אונ מען מיינט ניט דיא אויבערשטע בארד אויף דעם פנים אלא שדברו חכמים בלשון נקיה נאר פאר וואס רופט מען דאס בארד, ווייל די חכמים רעדין מיט אשיינעם לשון שנאמר ווארום עס שטייט אין דיא תורה כי יהיה לאיש בן אז אמענטש וועט האבין אזוהן, אונ ער וועט זיין אסורר ומורה זאל מען איהם הרגנן בן ולא בת נאר אזוהן הרגת מען אז ער איז אסורר ומורה, אבער אז אטאכטער איז אסורר ומורה הרגת מען זיא ניט בן ולא איש אזוהן הרגת מען צו ער איז אסורר ומורה, אבער אז ער ווערט גירופין איש, אמענטש, אונ ער איז אסורר ומורה הרגת מען איהם נישט הקטן פטור אז ער איז קליין, ער איז ניט אלט דרייצעהן יאהר מיט אטאג, אונ ער איז אסורר ומורה הרגת מען איהם ניט שלא בא לכלל מצות ווייל דיא תורה האט איהם נאך ניט מחייב גיוועזן צו טאהן מצות: **ב** מאימתי חייב ווען דארף מען הרגנן אבן סורר ומורה משיאכל תרטימר בשר אז ער עסט אהאלב פונט פלייש, אונ דיא פלייש איז נאר האלב גיקאכט וישתה חצי לוג מן האיטלקי אונ ער טרינקט אהאלבע קווארט איטליענער וויין, רבי יוסי זאגט מנה בשר ולוג יין אז ער עסט אפונט פלייש אונ טרינקט אקווארט וויין אכל בחבורת מצוה אז ער האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין אויף אסעודה וואס ווערט געמאכט אויף אמצוה, אויף אברית מילה אדער אויף אחתונה אכל בעבור החודש ווען די דיינים זיצען אונ קלערין אויב מען זאל מאכין דעם יאהר צווייא מאהל אדר, מאכט מען פאר זיי אסעודה אונ די סעודה ווערט אויך געמאכט וועגין אמצוה, אונ ער איז גיוועזן בייא די סעודה אונ האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין הייסט ער ניט אסורר ומורה אכל מעשר שני בירושלים אדער ער האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין אין ירושלים אונ דאס האט ער גיקויפט פון מעשר שני געלט הייסט ער ניט אסורר ומורה אכל נבלות וטרפות שקצים ורמשים אדער דיא פלייש וואס ער האט גיגעסין איז גיוועזן פון

פירוש עברי טייטש

זאגין ער זיצט אין דיא פאר בארגענעם פון דעם אויבערשטען נאט וגן עדן בצל שדי יתלונן ער געבעטינט שוין אין דעם שאטען פון דעם אלמעכטיגען גאט:

בקולו של המקום ב"ה אינו שומע : דבר שהוא מצוה. דרבנן לאתויי תנחומי אבלים דאי מרישא הוי אמינא חבורת מצוה היינו כהנים שאוכלים קדשים או אכילת פסחים : ודבר שהוא עבירה. לאתויי תענית צבור שאסור מדברי סופרים : ג גנב משל אביו ואכל ברשות אביו. אע"ג דשכיח ליה לגנוב משל אביו הואיל ואכל ברשות אביו מתפחד ומתבעת מאביו שמא יראנו ולא ממשיך : גנב משל אחרים. לא שכיח ליה שיוכל בכל עת לגנוב משל אחרים ולא ממשיך : עד שיגנוב משל אביו. דשכיח ליה לגנוב בכל עת : ויאכל ברשות אחרים. שאינו מתבעת שם מאביו דבה"ג ודאי ממשיך : ומשל אמו. מנכסים שיש לה שאין לאביו רשות בהן כגון שנתן לה אחר נכסים במתנה ע"מ שאין לבעלה רשות בהן, ואין הלכה כר"י ברבי יהודה : ד ראויה לאביו. שוה ודומה לאביו בקול במראה וקומה דכתיב איננו שומע בקולנו מדלא כתיב בקולותינו (ב) ש"מ קול א' לשניהם ומדקול בעינן שוים מראה וקומה כמי בעינן שוים (ג), ואין

שלא נטלה תרומתו, ומעשר שני והקדש שלא נפדו), אכל דבר שהוא מצוה. דבר שהוא עבירה. [ב] אכל כל מאכל ולא אכל בשר. שתה כל משקה ולא שתה יין, אינו נעשה בן סורר ומורה עד שיאכל בשר וישתה יין, שנאמר זולל וסובא. ואף ע"פ [ג] שאין ראיה לדבר זכר לדבר, שנאמר אל תהי בסובאי יין בזוללי בשר למו : ג גנב משל אביו ואכל ברשות אביו. משל אחרים ואכל ברשות אחרים. משל אחרים ואכל ברשות אביו, אינו נעשה בן סורר ומורה עד שיגנוב משל אביו ויאכל ברשות אחרים. ר"י ברבי יהודה אומר עד שיגנוב משל אביו ומשל אמו : ד היה אביו רוצה ואמו אינו רוצה. אביו אינו רוצה ואמו רוצה, אינו נעשה בן סורר ומורה עד שיהיו [ד] שניהם רוצים. ר"י אומר אם לא היתה אמו ראויה לאביו

פסחים : [ב] אכל כו'. לאתויי דבילה קעילית כל משקה לאתויי דבש וחלב דתניא אכל דבילה קעילית ושתה דבש וחלב ונכנס למקדש חייב (משום יין ושכר אל תשת וכהנן עסקינן), גמ' : [ג] שאין כו'. דדלמא מאכל אחרינא נמי קרי ליה זולל ומיהו שלמה אתא אזהריה דממשיך ספי זכר לדבר דבבשר מקרי זולל וביין מקרי סובא, רש"י : [ד] שניהם כו'. שנאמר ותפשו בו אביו ואמו, פר"ם : (ב) או בקולינו רש"י : גמ', וכ"ל לפי שכן אמה מולא בשנים ששוים אופן סל' בדברים והצריכם נ"כ שיהו שוים במראה וקומה וסן ב' שפירי יו"כ, ועתוי"ט :

---

אַנְבֵלָה אָדֶער פון אַטְרֵפָה, אָדֶער פון אַנְדֶערֶע מִיאוּסֶע זַאכִין וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט נִיט גִיהֵייסֶען עֶסִין דִיא פְלֵייש [אויף דיא ווערטער „אָכַל טֶבֶל וּמַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן שֶׁלֹּא נִטְּלָה תְּרוּמָתוֹ וּמַעֲשֵׂר שֵׁנִי וְהֶקְדֵּשׁ שֶׁלֹּא נִפְדּוּ" זיין תוי"ט ותי"ו] אָכַל דָּבָר שֶׁהוּא מִצְוָה אַז עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַהַאלְבּ פוּנְט פְלֵייש אוּנ גִיטְרוּנְקֶען אַהַאלְבֶּע קְוָוארְט וויין אויף אַסְעוּדָה, וָואס זִיא וָוערְט גֶעמַאכְט אויף אַמִּצְוָה פון דִיא רַבָּנָן וְדָבָר שֶׁהוּא עֲבֵירָה אָדֶער עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַהַאלְבּ פוּנְט פְלֵייש אוּנ גִיטְרוּנְקֶען אַהַאלְבֶּע קְוָוארְט וויין וָוען עֶס אִיז אַעֲבֵירָה צוּ עֶסִין, דְהַיְינוּ אִין אַתַּעֲנִית וָואס דִי רַבָּנָן הָאבִין גִיבָּאטִין מֶען זָאל דֶעם טָאג פַאסְטִין אָכַל כָּל מַאֲכָל וְלֹא אָכַל בָּשָׂר אָדֶער עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַלֶע עֶרְלֵייא מַאֲכָלִים, נָאר פְלֵייש הָאט עֶר נִיט גִיגֶעסִין שָׁתָה כָּל מַשְׁקֶה וְלֹא שָׁתָה יַיִן עֶר הָאט גִיטְרוּנְקֶען אַלֶע עֶרְלֵייא מַשְׁקָה, נָאר וויין הָאט עֶר נִיט גִיטְרוּנְקֶען אֵינוֹ נַעֲשֶׂה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה אִיז עֶר נִיט גִיוָוארִין אַבֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה מֶען זָאל אִיהְם דַארְפִין הַרְגֶנֶן עַד שֶׁיֹּאכַל בָּשָׂר וְיִשְׁתֶּה יַיִן סַיידִין עֶר עֶקְט פְלֵייש אוּנ טְרִינְקְט וויין שֶׁנֶּאֱמַר וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק זוֹלֵל וְסוֹבֵא עֶר פְרֶעסְט אוּנ טְרִינְקְט וְאַף עַל פִּי שֶׁאֵין רְאָיָה לַדָּבָר אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיטָא אַבֶּעוַוייזוּנְג צוּ דִיא זַאךְ, אַז זוֹלֵל וְסוֹבֵא מֵיינְט מֶען עֶר פְרֶעסְט פְלֵייש אוּנ טְרִינְקְט וויין, טָאמֶער מֵיינְט מֶען אַנְדֶערֶע עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען זֵכֶר לַדָּבָר אַדֶערְמָאנוּנְג צוּ דִי זַאךְ אִיז דָא שֶׁנֶּאֱמַר וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק אַל תְּהִי בְּסוֹבְאֵי יָיִן דוּא זָאלְסְט נִיט זַיין צְוִוישֶׁען דִי מֶענְטְשִׁין וָואס זוֹיפִין וויין בְּזוֹלְלֵי בָשָׂר לָמוֹ אוּנ צְוִוישֶׁען דִי מֶענְטְשִׁין וָואס פְרֶעסִין פְלֵייש, זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז זוֹלֵל וְסוֹבֵא מֵיינְט מֶען פְלֵייש אוּנ וויין : ג גָּנַב מִשֶּׁל אָבִיו וְאָכַל בִּרְשׁוּת אָבִיו אַז עֶר הָאט גִיגַנְבֶעט גֶעלְט בַּיי זַיין פָאטֶער אוּנ הָאט גִיקוֹיפְט פְלֵייש מִיט וויין, אוּנ הָאט גִיגֶעסִין אוּנ גִיטְרוּנְקֶען בַּייא זַיין פָאטֶער אִין שְׁטוּבּ מִשֶּׁל אֲחֵרִים וְאָכַל בִּרְשׁוּת אֲחֵרִים אָדֶער עֶר הָאט גִיגַנְבֶעט גֶעלְט בַּיי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ הָאט גִיקוֹיפְט פְלֵייש מִיט וויין, אוּנ הָאט גִיגֶעסִן אוּנ גִיטְרוּנְקֶען בַּיי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשִׁין, אִין דִי שְׁטוּבּ וואוּ עֶר הָאט גִיגַנְבֶעט אָדֶער אִין אַיין אַנְדֶער שְׁטוּבּ מִשֶּׁל אֲחֵרִים וְאָכַל בִּרְשׁוּת אָבִיו אָדֶער עֶר הָאט גִיגַנְבֶעט גֶעלְט בַּיי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשִׁין, אוּנ הָאט גִיקוֹיפְט פְלֵייש מִיט וויין, אוּנ הָאט גִיגֶעסִין אוּנ גִיטְרוּנְקֶען בַּיי זַיין פָאטֶער אִין שְׁטוּבּ בַּיי דִי אַלֶע דְרֵייא זַאכִין אֵינוֹ נַעֲשֶׂה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה וָוערְט עֶר נִיט אַבֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה מֶען זָאל אִים הַרְגֶנֶן עַד שֶׁיִּגְנוֹב מִשֶּׁל אָבִיו סַיידִין דָאס גֶעלְט זָאל עֶר גַנְבֶענֶן בַּיי זַיין פָאטֶער, אוּנ קוֹיפִין פַאר דֶעם גֶעלְט פְלֵייש מִיט וויין וְיֹאכַל בִּרְשׁוּת אֲחֵרִים אוּנ עֶסִין זָאל עֶר אִין אַפְרֶעמְדֶע שְׁטוּבּ, רַבִּי יוֹסִי בַּר רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט עַד שֶׁיִּגְנוֹב מִשֶּׁל אָבִיו וּמִשֶּׁל אִמּוֹ סַיידִין עֶר זָאל גַנְבֶענֶן פוּן פָאטֶערְס גֶעלְט אוּנ פוּן דִי מוּטֶערְס גֶעלְט [אוֹיבּ דִי מוּטֶער הָאט גֶעלְט וָואס זַייא גִיהֶערִין נִיט צוּם פָאטֶער] : ד הָיָה אָבִיו רוֹצֶה וְאִמּוֹ אֵינָהּ רוֹצָה אוֹיבּ דֶער פָאטֶער וִויל בְּרֵיינְגֶען דֶעם זוּהְן צוּ בֵּית דִין, אוּנ דִי מוּטֶער וִויל נִיט אָבִיו אֵינוֹ רוֹצֶה וְאִמּוֹ רוֹצָה אָדֶער דֶער פָאטֶער וִויל נִיט אוּנ דִי מוּטֶער וִויל אֵינוֹ נַעֲשֶׂה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה וָוערְט עֶר נִיט אַבֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה מֶען זָאל אִים הַרְגֶנֶן עַד שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם רוֹצִים סַיידִין דֶער פָאטֶער אוּנ דִי מוּטֶער בְּרֵיינְגֶען אִים צוּ בֵּית דִין מִיט זֵייעֶר ווִילֶען, רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אִם לֹא הָיְתָה אִמּוֹ רְאוּיָה לְאָבִיו אוֹיבּ דִי מוּטֶער אִיז נִיט גְלַייךְ צוּם פָאטֶער מִיט דִי דְרַיי זַאכִין [אִין קוֹל, זַייא הָאבִין נִיט בֵּיידֶע אַיין

אינו נעשה בן סורר ומורה. היה אחד מהם גידם, או חיגר, או אלם, או סומא, או חרש. אינו נעשה בן סורר ומורה. שנאמר ותפשו בו אביו ואמו ולא גדמין. והוציאו אותו, ולא חגרין. ואמרו, ולא אלמין. בננו זה, ולא סומין. איננו שומע בקולנו, ולא חרשין. מתרין בו בפני שלשה ומלקין אותו. חזר וקלקל נידון בכ"ג, ואינו נסקל עד שיהיו שם ג' הראשונים, שנא' בנינו זה זהו שלקה בפניכם. ברח עד שלא נגמר דינו ואח"כ הקיף זקן התחתון פטור. ואם משנגמר דינו ברח ואח"כ הקיף זקן התחתון חייב: ה בן סורר ומורה נידון על שם סופו. אמרה תורה ימות זכאי ואל ימות חייב,

הלכה כר' יהודה: גידם. ידו קטועה: בנינו זה. משמע שמראין אותו: חרשים. אם אומר להם איני מקבל מכם אינם שומעים אותו והע"פ שרואים אח"כ שאינו מקיים מלותן מ"מ התורה אמרה איננו שומע בקולנו דמשמע בשמעת הקול קאמרי (ד) דלא שמע שמעוהו שאמר איני מקבל מכם: ומתרין בו בפני ג'. ה"ק ומתרין בו בפני שנים (ה) שלא ירגיל ואם לא שמע מלקין אותו בב"ד של ג' כדתנן בפ"ק דמכות בגמרא דויסרו אותו האמור בבן סורר ומורה מלקות הוא כתיב הכא בן סורר ומורה וכתיב התם והיה אם בן הכות הרשע: זה הוא שלקה בפניכם. ואע"ג דמבעי ליה זה ולא סומין אם איתא דלהך מלתא לחודא אתא לזה הוא שלקה בפניכם נכתוב בננו הוא מאי בננו זה שמעת מינה תרתי (ו): ואח"כ הקיף זקן התחתון פטור. דכיון דאלו עביד השתא לאו בר קטלא הוא: ואם משנגמר דינו ברח. הוי כגברא קטילא וחייב אפי' לאחר כמה שנים: ה נידון ע"ש סופו. סוף שמכלה ממון אביו ומבקש מה שהורגל בו ואינו מולא ויושב בפרשת דרכים ומלסטם את הבריות אמרה תורה ימות זכאי ואל ימות

(ד) וז"ל רש"י ואיכא להפוכי לזכותא ולמדרש דבשמעת הקול כו': (ה) דבעינן עדים שהיכיתו ועבר שאין אביו ואמו נאמנים להורגו דכתיב ע"פ ב' עדים יומת המת, רש"י. וכ' עוד מתרין בו כאן שהתראה גמורה הוא כו' אלא מוכיחין אותו, וע' תוי"ט: (ו) ומשמע הוא שלקה בפניכם, רש"י. ונ"ק דלמאי לסומין לחוד אתא דלעולם נמי מפקינן קרא ממשמעותיה דמשמע שמעידין אותו בפני ב"ד ואומרין שזהו שלקה כו': סנהס

שטימע, אונ זיי זעהן ניט אוים ביידע גלייך, (דהיינו איינער איז שווארץ אונ איינער איז בלאנד אדער געל), אונ זיי זענען ניט ביידע איין הייך, (איינער איז העכער ווי דער אנדערער) אינו נעשה בן סורר ומורה ווערט ער ניט אבן סורר ומורה מען זאל אים הרגנן היה אחד מהם גידם אויב איינער פון זיי האט א אפגיהאקטע האנט או חגר אדער ער איז לאם (הינקעדיג) או אלם אדער שטום או סומא אדער בלינד או חרש אדער טויב אינו נעשה בן סורר ומורה ווערט ער ניט אבן סורר ומורה שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ותפשו בו אביו ואמו דער פאטער אונ די מוטער זאלין איהם אן נעמען ולא גדמין אבער אז זיי האבין ניט אלע פיר הענט (נאר איינעמס אהאנט איז אפגיהאקט) קענען זיי דאך איהם ניט אן נעמען, ווערט ער ניט אבן סורר ומורה והוציאו אותו זיי זאלין איהם פירען ולא חגרין אבער אז זיי האבין ניט אלע פיר פים נאר איינער איז לאם והינקעדיג) ווערט ער ניט אבן סורר ומורה ואמרו זייא זאלין זאגין ולא אלמין אבער אז איינער איז שטום אונ קען ניט זאגין ווערט ער ניט אבן סורר ומורה בננו זה דער זון אונזערער זיי נוייזין אויף איהם ולא סומין אבער אז איינער איז בלינד אונ קען ניט ווייזין אויף איהם, ווערט ער ניט אבן סורר ומורה איננו שומע בקולנו מיר האבין גירעט צו איהם מוסר אונ ער האט גיזאגט ער וועט ניט פאלגין ולא חרשין אבער אז איינער איז טויב אונ הערט ניט ווי ער זאגט ער וועט ניט פאלגין, ווערט ער ניט אבן סורר ומורה מתרין בו בפני שלשה דער פאטער אונ דיא מוטער זאגין צו איהם פאר צווייא מענטשין ער זאל דאס וויטער ניט טאהן, אונ אויב ער פאלגט ניט ברייגגט מען איהם צו בית דין פון דריי דיינים ומלקין אותו אונ מען שלאגט איהם מלקות חזר וקלקל אז ער האט נאך אמאהל גיזינדיגט, דיא זעלביגע עבירה נדון בכ"ג ווערט ער געמשפט ביי דריי אונ צוואנציג דיינים ואינו נסקל אונ ער ווערט אנגערש ניט פאר שטיינגט עד שיהיו שם שלשה הראשונים ביידין דארטין זאלין זיין דיא ערשטע דריי דיינים וואס האבין איהם גישלאגין מלקות שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק בננו זה דער זוהן אונזערער זהו שלקה בפניכם דאס איז דער זוהן וואס איהר האט גיזעהן וויא מען האט איהם גישלאגין מלקות ברח עד שלא נגמר דינו אויב ער איז אנטלאפין איידער מען האט גיפסקנת דעם דין ואחר כך הקיף זקן התחתון דער נאך איז ער בעוואקסין גיווארין מיט האר ארום דיא ערוה אזוי וויא אבארד, דער נאך האט מען איהם געחאפט פטור הרגנת מען איהם ניט ואם משנגמר דינו ברח אונ אויב ער איז אנטלאפין נאכדעם וויא מען האט שוין גיפסקנת דעם דין מען זאל איהם הרגנן ואחר כך הקיף זקן התחתון נאכדעם איז ער בעוואקסען גיווארין מיט האר ארום די ערוה אזוי ווי אבארד נאכדעם האט מען אים גיחאפט חייב דארף מען איהם הרגנן: ה בן סורר ומורה נדון על שם סופו דעם בן סורר ומורה הרגנת מען ווייל מען זעהט דער סוף פון אים וועט זיין שלעכט ער וועט זיין גיוואהנט גוט צו עסין אונ גוט צו טרינקען, אז ער וועט ניט האבין כשר געלט, וועט ער ווערין אגזלן ארוצח, האט דיא תורה גיזאגט ימות זכאי ואל ימות חייב ער זאל בעסער שטארבין ווען ער איז נאך קיין רשע, איידער ער זאל שטארבין ווען ער

וועט

חייב: הנאה להם. שאינן מוסיפין לחטוא: והנאה לעולם. שקטה כל הארץ: רע להם. שהיו מוסיפים זכיות: ורע לעולם. שהיו מגינים על דורן ומוכיחין את הדור: יין ושינה לרשעים. כ"ז ששותים וישנים אין חוטאים ואין מריעים לבריות: ולצדיקים רע להם. שאינם עוסקים בתורה: ורע לעולם. שכשהן מתבטלים פורעניות באה לעולם: פיזור. שהן נפרדים זה מזה ואין יכולין להועץ ולסייע זה את זה: ו הבא במחתרת. שאמרה תורה יהרג: ע"ש סופו. שסופו להרוג את הבעל הבית אם יעמוד (ז) כנגדו להציל את שלו: אם יש לו דמים חייב. כגון האב הבא במחתרת על הבן בידוע שרחמי האב על הבן לפיכך אין הבן רשאי להרגו. ואם שבר האב החבית חייב לשלם:

שמיתתן של רשעים הנאה להם והנאה לעולם, ולצדיקים רע להם ורע לעולם. יין ושינה לרשעים הנאה להם והנאה לעולם. ולצדיקים רע להם ורע לעולם. פיזור לרשעים הנאה להם והנאה לעולם. ולצדיקים רע להם ורע לעולם. כינוס לרשעים רע להם ורע לעולם. ולצדיקים הנאה להם והנאה לעולם. שקט לרשעים רע להם ורע לעולם. ולצדיקים [ה] הנאה להם והנאה לעולם: ו הבא במחתרת נידון על שם סופו. היה בא במחתרת ושבר את החבית, אם [ו] יש לו דמים

[ס] הכאס כו'. שיש להם פנאי לעסוק בתורה ובמצות, רש"י. כלומר ולא שיהו שקטים גם מטרדת חורש ומלוה: (ז) דחזקה אין אדם מעמיד על ממונו ואמר אם יעמוד כו' ופהוי"ט: [ו] יש לו כו'. כהי סוף תשובכליתה הוא אם יסרגנו

---

וועט שוין זיין ארשע שמיתתן של רשעים ווארום די רשעים וואס שטארבין יונג הנאה להן דאס איז גוט פאר זייא, זיי האבין ווייניג עבירות והנאה לעולם און עס איז גוט פאר דיא וועלט, דיא וועלט האט קיין שלעכץ פון זיי ולצדיקים און אז צדיקים שטארבין יונג רע להן דאס איז שלעכט פאר זייא זיי האבין ווייניג מצות, אז זייא וואלטין נאך גילעבט וואלטין זיי נאך מצות גיהאט ורע לעולם און עס איז שלעכט פאר דיא וועלט, זיין זכות האט בשיצט אויף די וועלט און ער האט זייא געפירט אין גוטען וועג יין ושינה לרשעים אז רשעים טרינקען ווין און זיי ווערין אנשלאפין הנאה להם איז גוט פאר זיי, אז זיי שלאפין זינדיגען זיי ניט והנאה לעולם און עס איז גוט פאר די וועלט, אז זיי שלאפין טוהען זייא קיין שלעכץ צו מענטשין ולצדיקים אבער אז צדיקים טרינקען וויין און ווערין אנשלאפין רע להן איז שלעכט פאר זיי זיי לערנען ניט ורע לעולם און עס איז שלעכט פאר די וועלט אז די צדיקים לערנען ניט קומט צרות אויף דיא וועלט פיזור לרשעים אז רשעים זענען פאר שפרייט איינער פון אנדערין קענען זייא ניט האבין שלעכטע עצות און קענען ניט העלפין איינער דעם אנדערין צו שלעכץ טאהן הנאה להן איז דאס גוט פאר זיי, זיי זינדיגען ניט והנאה לעולם און עס איז גוט פאר דיא וועלט. דיא וועלט האט קיין שלעכץ פון זיי ולצדיקים אבער אז צדיקים זענען פאר שפרייט און ווייט איינער פון אנדערין רע להן איז שלעכט פאר זיי. אז איינעם איז אספק אין אדין האט ער ניט ווער עס זאל אים לערנען דעם פשט ורע לעולם און עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. ווייל זיי האלטין ניט אעצה צו זאמען ווי אזוי זיי זאלין פירען דיא וועלט כנוס לרשעים אז רשעים זענען צו זאמען האלטין זיי שלעכטע עצות און העלפין איינער דעם אנדערין שלעכץ צו טאהן רע להן איז שלעכט פאר זיי. זיי זינדיגין פיל ורע לעולם און עס איז שלעכט פאר די וועלט זייא גנבענען און גזלנען ולצדיקים און אז צדיקים זענען צו זאמען הנאה להן איז גוט פאר זיי איינער דער קלערט דעם אנדערין וואס איהם איז אספק אין לערנען. און שמועסין מיט עצות אין יראת ה' והנאה לעולם און דיא וועלט האט אויך הנאה פון זיי. די צדיקים שמועסין עצות ווי אזוי זיי זאלין פירען דיא וועלט עס זאל זיין שיין פאר גאט און גוט פאר דיא מענטשין שקט לרשעים אז רשעים זענען רוהיג עס גייט זיי גוט און בגליקין רע להן איז שלעכט פאר זיי. זיי זינדיגען מעהר ורע לעולם און עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. זיי קלערין נאר ווי אזוי מען זאל גנבענען און גזלנען ולצדיקים און אז צדיקים זענען רוהיג הנאה להם איז גוט פאר זיי זיי האבין צייט צו לערנען תורה והנאה לעולם און עס איז גוט פאר די וועלט, אז די צדיקים לערנען פיל תורה און טוהען מצות, אין זייער זכות לעבט די וועלט: ו הבא במחתרת אז א גנב קומט אריין ביי נאכט אין אשטוב, מעג דער בעל הבית איהם הרגנען נדון על שם סופו ווארום ער ווערט געמשפט אויף דעם סוף, ווייל דער סוף וואלט גיוועז אז דער בעל הבית וואלט איהם ניט גילאזט נעמען זיין פאר מעגין, וואלט ער גיהרגת דעם בעל הבית, דריבער מעג דער בעל הבית איהם פריער הרגנען היה בא במחתרת אויב דער גנב האט אונטער גיגראבין אשטוב ביי נאכט און איז אריין גיקומען גנבענען ושבר את החבית און ער האט צו בראכין אפאס אם יש לו דמים אויב דער גנב האט בלוט מען טאר איהם ניט הרגנען, ווארום עס איז געוויס אז ער וואלט אויך ניט גיהרגת, דהיינו אפאטער איז גיקומען גנבענען בייא אזוהן, אפאטער וועט ניט הרגנען זיין זוהן, דריבער טאר ניט דער זוהן הרגנען דעם פאטער, אויב דער פאטער האט צו בראכין אפאס אדער איין אנדער שאדין דארף ער

בצאהלין

חייב אם אין לו דמים פטור: ז ואלו הן שמצילין אותם [ז] בנפשן הרודף אחר חברו להרגו ואחר הזכר ואחר הנערה המאורסה. אבל הרודף אחר בהמה והמחלל את השבת והעובד ע"ז אין מצילין אותם בנפשם:

**ברטנורא**

**אם אין לו דמים פטור.** ושאר כל אדם הבא במחתרת שאם הרגו בעל הבית אין לו דמים אם שבר את החבית פטור מלשלם שכיון שהוא מתחייב בנפשו פטור מן התשלומין (ח) שאין אדם מת ומשלם: ז **ואלו הן שמצילים אותם בנפשם.** שמצילין אותן מן העבירה בנפשם שניתן רשות לכל אדם להרגן כדי להצילן מן העבירה: **הרודף אחר חברו להרגו.** דכתיב אצל נערה המאורסה כי כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש כן הדבר הזה מקיש רוצח לנערה מאורסה מה נערה מאורסה ניתן להצילה בנפשו אף רוצח ניתן להצילו בנפשו ונערה מאורסה נפקא לן מקרא דכתיב צעקה הנערה המאורסה ואין מושיע לה הא אם יש מושיע לה חייב להושיעה בכל דבר שיכול להצילה: **ואחר הזכר.** נפקא לן דאמר קרא ולנערה לא תעשה דבר נער כתיב חסר ה"א זה זכר (ט) וה"ה לכל חייבי כריתות ומיתות ב"ד שבעריות (י) שמצילין אותן בנפשן דכתיב חטא מות חטא אלו חייבי כריתות מות אלו חייבי מיתות ב"ד (יא): **אבל הרודף אחר בהמה.** אע"פ שדומה לעריות: **והמחלל את השבת והעובד ע"ג.** אע"פ ששניהם כופרין בעיקר: **אין מצילין אותם בנפשם.** וכ"ש שאר חייבי כריתות ומיתות ב"ד שאינן של עריות שאינן מצילין בנפשם ואין מותר להרגו כלל עד שיעברו עבירה בעדים ויהיו חייבים מיתה בב"ד:

**עיקר תוי"ט**

בעה"ב, רש"י: (ח) ואע"פ שגזול פטור מן התשלומין דקי"ל חייבי מיתות שוגגין כגון שלא התרו בהן אין משלמין ממון טעם שמיתתם אע"פ שאין נהרגין, רש"י ומתוי"ט: [ז] בנפשן. דומיא דמתניתין דלעיל דניתן רשות להרוג הבא במחתרת שהוא כדי להציל שבידוע שלהרגו בא: (ט) ונדרש מקרא ומסורה, רש"י ומתוי"ט: (י) דלא ניתן להציל בנפשו אלא מדבר שהוא גנות ויש בה קלון ופגם לנרדף, רש"י. דומיא דנערה המאורסה: (יא) ואי כתב רחמנא חטא ה"א אפי' חייבי לאוין כתב רחמנא מות כו' ולכתוב חטא מות ולא לכתוב נער נערה (שהרי הן בכלל) אלא ע"כ ונער נערה חד למעוטי עכו"ם וחד למעוטי בהמה, גמרא:

---

בצאהלין אם אין לו דמים אויב דער גנב האט קיין בלוט, מען מעג איהם הרגנן, נדער גנב מיט דעם בעל הבית זענען פרעמדע) פטור דארף ער ניט בצאהלין אויב ער האט געטאהן אשאדין: ז ואלו הן שמצילין אותן בנפשן די מענטשין מעג מען הרגנן אונ מען לאזט זייא ניט טאהן אעבירה הרודף אחר חברו להרגו אז ראובן יאגט נאך שמעון ער וויל איהם הרגנן, מעג מען הרגנן ראובן מציל צו זיין שמעון ער זאל ניט גיהרגת ווערין אחר הזכר אויב ראובן יאגט נאך שמעון ער זאל מיט איהם מזנה זיין, מעג מען הרגנן ראובן מציל צו זיין שמעון פון די עבירה ואחר הנערה המאורסה אויב ראובן יאגט נאך אמיידיל וואס איינער האט איהר שוין מקדש גיוועין, אונ ער וויל מיט איהר מזנה זיין, מעג מען הרגנן ראובן, ער זאל ניט טאהן די עבירה מיט די נערה אבל הרודף אחר בהמה אבער אז ראובן יאגט נאך אבהמה ער זאל מיט איהר מזנה זיין והמחלל את השבת אדער ער טוהט אמלאכה שבת והעובד כוכבים אדער ער דינט עבודת כוכבים אין מצילין אותן בנפשן זיי הרגנה מען ניט ווענין זיי זאלין ניט טאן דיא עבירה:

## גמרא סנהדרין דף ע ע"א

הלכה ה' כלה כלי החיצון דגלא דמלכות דכתיבא בם

תרטימר בשר. א"ר זירא הרטימר זה איני יודע מהו אלא מתוך שכפל רבי יוסי ביין נמצא כופל אף בבשר ונמצא הרטימר חצי מנה. א"ר חנן בר מולדא אמר רב הונא אינו חייב עד שיקח בשר בזול ויאכל יין בזול וישתה דכתי' זולל

**רש"י**

מתוך שכפל רבי יוסי ביין. דקאמר ת"ק חצי לוג והוא אמר לוג: כופל נמי בבשר. והוא מנה דקאמר ב' תרטימר: יין בזול. אבל ביוקר לא שכיחי ליה מעות לגנוב כולי האי ולא ממשיך:

---

הרטימר בשר אבן סורר ומורה ווערט אנדערש ניט געהרגת סיידין נאר אז ער האט גינעסין אתרטימר פלייש אמר רבי זירא תרטימר זה איני יודע מהו רבי זירא זאגט איך וויים ניט וויפיל איז אתרטימר אלא מתוך שכפל רבי יוסי ביין נאר ווייל רבי יוסי זאגט בייא ווין צוויי מאהל אזוי פיל וויא דער ערשטער תנא זאגט, דער ערשטער תנא זאגט אז דער קינד טרינקט אהאלבע קווארט ווין הייסט ער אבן סורר ומורה, אונ רבי יוסי זאגט ער איז אנדערש ניט אבן סורר ומורה סיידין ער האט אויסגעטרונקען אגאנצע קווארט ווין נמצא כופל אף בבשר געווים בייא פלייש זאגט אויך רבי יוסי צוויי מאהל אזוי פיל ווי דער ערשטער תנא זאגט, דער ערשטער תנא זאגט אז דאס קינד האט אויפגיגעסין אתרטימר פלייש איז ער אבן סורר ומורה, אונ רבי יוסי האלט אז דאס קינד איז אנדערש ניט אבן סורר ומורה סיידין ער האט אויפגיגעסין אפונט פלייש נמצא תרטימר חצי מנה ווייסין מיר אז תרטימר איז אהאלב פונט אמר רבי חנן בר מולדא אמר רב הונא אינו חייב עד שיקח בשר בזול ויאכל יין בזול וישתה רבי חנן בר מולדא זאגט פון רב הונא'ס וועגין דער בן סורר ומורה איז אנדערש ניט חייב (פערשולדיגט) מען זאל איהם הרגנן סיידין ער האט געקויפט פלייש פאר וואלוויל (פאר ווייניג געלט) אונ ער האט געקויפט ווין אויך פאר וואלוויל (פאר ווייניג געלט), מען מיינט ער הט גע־ געקויפט

וסובא. ואמר רב חנן בר מולדא אמר רב הונא אינו חייב עד שיאכל בשר חי וישתה יין חי. איני והא רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו אכל בשר חי ושתה יין חי אינו נעשה בן סורר ומורה. אמר רבינא יין חי מזוג ולא מזיג בשר חי בשיל ולא בשיל כבשר כיבא דאכלי גנבי. רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו אכל בשר מליח ושתה יין מגתו אין נעשה בן סורר ומורה. תנן התם ערב ט' באב לא יאכל אדם שני תבשילין ולא יאכל בשר ולא ישתה יין ותנא אבל אוכל הוא בשר מליח ושותה יין מגתו. בשר מליח עד כמה א"ר חנינא בר כהנא כ"ז שהוא כשלמים. ויין מגתו עד כמה כ"ז שהוא תוסס. ותניא יין תוסס אין בו משום גילוי

ז"לל. לשון זול ולאסמכתא למילתיה הוא: מולדא. שם אביו: בשר חי. כדמפרש לקמן בשיל ולא בשיל דזו היא מדת גנב למהר אכל בשיל שפיר לא ממשיך למעבד כה"ג לפי שמתוך שהוא גנב ועושה בסתר אין לו שהות: יין חי. ממשיך מפני שמשובח הוא ולקמן מוקי לה במזיג ולא מזיג אבל בתר יין מזיג לא ממשיך: אמר רבינא יין חי. דקאמר רב הונא מזוג ולא מזוג לאפוקי היכא דנתן בו מים הרבה ואע"פ שרוב בני אדם שותין כן: בשר כיבא דאכלי גנבי. כוויה בגחלים וכוותה בעירובין ומככי' ויכול ובזבחים לאפוקי כבבא דלא: בשר מליח ויין מגתו. לא הסיבי ולא ממשיך: כל זמן שהוא כשלמים. שלא עבר עליו זמן אכילת שלמים ב' ימים ולילה א' ועדיין בלהלחותו הוא לא אקרי מליח ומשמח את הלב דכתיב וזבחת שלמים ואכלת שם ושמחת הלכא בר שמחה הוא אבל בתר הכי הוי מליח ונחלף טעמו במלה: כל זמן שהוא תוסס.

חי מזוג ולא מזוג. כענין זה מפר"ח (ברכות דף נא) עשרה דברים נאמרו בכוס של ברכה וחד מנייהו חי ומקשינן הא אמרינן שכל מודים בכוס של ברכה שאין מברכין עליו. ומפרש ר"ח דהי סוף מזוג ולא מזוג:

---

קויפט וואלוועלע פלייש און וואלוועלע וויין דכתיב נוארום עס שטייט אין פסוק זולל וסובא זול איז דער טייטש וואלוויל, ער האט געטרונקען וואלוועלע וויין ואמר רבי חנן בר מולדא אמר רב הונא נאך אדין האט רבי חנן בר מולדא גיזאגט פון רב הונא'ס וועגין אינו חייב עד שיאכל בשר חי וישתה יין חי דער בן סורר ומורה איז אנדערש ניט חייב (פערשולדיגט) מען זאל איהם הרגנן סיידין ער האט גיגעסין רויע פלייש און ער האט געטרונקען רויע וויין ניט גע־מישט מיט וואסער ופארציטיגע וויין זענען גיוועזן שטארקע אויף איין קוואטיריל וויין האט מען גע־דארפט ארויף גיסען דריי קוואטירליך וואסער), פרעגט דיא גמרא איני עס איז דאך ניט אזוי והא רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו ווארום רבה און רב יוסף האבין ביידע גיזאגט אכל בשר חי ושתה יין חי אינו נעשה בן סורר ומורה אויב דער קינד האט גיגעסין רויע פלייש און ער האט געטרונקען רויע וויין ווערט ער ניט אבן סורר ומורה אמר רבינא האט רבינא גיענטפערט יין חי מזוג ולא מזוג בשר חי בשיל ולא בשיל כבשר כיבא דאכלי גנבי רויע וויין מיינט מען עס איז אין די וויין אריין גיגאסין אביסעל וואסער נאר ניט פיל, רויע פלייש מיינט מען דיא פלייש איז גיוועזן געקאכט און ניט געקאכט, אביסעל צו גיבראטין אויף קוילין און עס איז האלב רויע וויא די גנבים עסין. אויב דער קינד האט געטרונקען אזעלכע וויין און האט גיגעסין אזעלכע פלייש ווערט ער אבן סורר ומורה, אבער אז ער האט גיגעסין פלייש גאר רויע אדער גאר פערטיג גיקאכטע, און ער האט גיטרונקען וויין וואס איג־נוייגינ איז גאר קיין וואסער גיוועזן אדער עס איז גיוועזן אין דעם וויין אריין געמישט וואסער אזוי פיל ווי אלע מענטשין טרינקען אים, ווערט ער גיט אבן סורר ומורה רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו רבה און רב יוסף זאגין ביידע אכל בשר מליח ושותה יין מגתו אין נעשה בן סורר ומורה אויב דער קינד האט גיגעסין רויע פלייש וואס איז גילעגין איינגיפרעסט אין זאלץ, אדער ער האט גיטרונקען וויין פון דיא וויין וואס זענען אין דיא גרוב (קעלטער) וואס מען טרעט דארטין דיא טרויבין, ווערט ער גיט אבן סורר ומורה תנן התם מיר האבין גילערנט אין א משנה ערב תשעה באב לא יאכל אדם שני תבשילין ערב תשעה באב (נאך האלבין טאג און צו די סעודה המפסקת) זאל מען ניט עסין צווייא ערלייא גיקאכטע עסין ולא יאכל בשר ולא ישתה יין און ער זאל ניט עסין פלייש און זאל ניט טרינקען וויין ותנא אבל אוכל הוא בשר מליח ושותה יין מגתו און מיר האבין גילערנט אבער רויע פלייש איין גיפרעסט אין זאלץ מעג ער עסין ערב תשעה באב און פרישע וויין פון קעלטער מעג ער טרינקען ערב תשעה באב בשר מליח עד כמה ביז ווי לאנג זאל די פלייש ליגען אין זאלץ וואס עס זאל הייסין געזאלצענע פלייש אמר רבי חנינא בר כהנא כל זמן שהוא כשלמים רבי חנינא בר כהנא זאגט אזוי לאנג וויא מען מעג עסין שלמים הייסט דאס ניט געזאלצענע פלייש (דאס מיינט מען אויב מען האט איין געזאלצין פלייש למשל זונטאג ביז דינסטאג פאר טאג הייסט דאס נאך ניט געזאלצענע פלייש. ווארום בייא שלמים איז אויך אזוי דער דין אויב מען האט גישאכטין שלמים זונטאג מעג מען עסין דיא פלייש ביז דינסטאג פאר טאג, אבער ווי די צייט פון שלמים איז אריבער, עס איז אויפגעגאנגען דער מארגענ־שטערין פון דינסטאג, ווערט דאס שוין גערופין גיזאלצענע פלייש) ויין מגתו עד כמה וויא לאנג זאל זיין דער וויין אין דעם קעלטער און עס זאל נאך אלץ ניט גירעכינט ווערין פאר וויין כל זמן שהוא תוסס אזוי לאנג וויא ער האט נאך אין זיך אשארפקייט ער זייערט והניא יין תוסס אין בו משום גילוי און מיר

וכמה הסיסתו שלשה ימים. הכא מאי התם משום שמחה הוא כ"ז שהוא כשלמים נמי אית ביה שמחה הכא משום אימשוכי הוא בכל שהוא לא ממשיך. ויין עד מ' יום. א"ר חנן לא נברא יין בעולם אלא לנחם אבלים ולשלם שכר לרשעים, שנאמר תנו שכר לאובד ויין למרי נפש. א"ר יצחק מ"ד אל תרא יין כי יתאדם אל תרא יין שמאדים פניהם של רשעים בעוה"ז ומלבין פניהם לעוה"ב. רבא אמר אל תרא יין כי יתאדם אל תרא יין שאחריתו דם. רב כהנא רמי כתיב תירש

שהוא נוסך בגרון מחמת שהוא מחמיץ: הכא. בבן סורר ומורה מאי עד כמה לא קרינן מליה למפטר בן סורר ומורה: ובכל שהוא. לא ממשיך משעבר לילה א' מפיג טעמו ולא חשיב: לשלם שכר לרשעים. שמתענגין בו בעוה"ז ומקבלין בו שכר מצות בעוה"ז: לאובד. היינו רשע שנטרד והולך לו: למרי נפש. אבלים לפכוחי לצערייהו: אל תרא יין. כלומר אל תתן עיניך למשוך אחריו: שאחריתו דם. סופו יהרג עליו: כתיב יין ישמח. לבב אנוש בסי"ן דמשמע שומם שמשממהו ונוטל חכמת

האבין גילערנט אויב מען האט אנגישעפט אין אבלי אביסעל פון דעם וויין וואס ער זייערט אין קעלטער אונ מען האט גילאזט שטיין דיא כלי אגאנצע נאכט אויפגידעקט, מעג מען אין דער פריה טרינקען דעם וויין, ווייל דאס איז נאך קיין וויין האבין דיא שלאנגען פון דעם, ווין ניט גע־טרונקען וכמה הסיסתו וויא לאנג זייערט דער וויין אין דעם קעלטער שלשה ימים דרייא טעג, אבער נאך דרייא טעג איז דאס שוין וויין הכא מאי דא בייא דעם דין פון אבן סורר ומורה, וויא איז דער דין התם משום שמחה הוא וואס ער טאר ניט עסין פלייש ערב תשעה באב איז ווייל פלייש מאכט פריילך דעם מענטש כל זמן שהוא כשלמים נמי אית ביה שמחה דריבער אויב די פלייש ליגט אין זאלץ ביז די צייט וואס מען מעג עסין שלמים [וויא עס שטייט פריער] האט נאך דיא פלייש אטעם פון פלייש אונ ווער עס עסט די פלייש, מאכט איהם די פלייש פריילך, דריבער טאר ער ניט עסין די פלייש ערב תשעה באב, אבער אז דיא פלייש ליגט אין זאלץ לייננער וויא די צייט פון שלמים איז שוין ארוים פון די פלייש דער טעם פון פלייש די פלייש מאכט שוין ניט פריילך דעם מענטש, דריבער מעג מען אזעלכע פלייש עסין ערב תשעה באב הכא משום אמשוכי הוא אבער דא בייא דעם סורר ומורה איז דער טעם פאר וואס מען זאל איהם הרגנן, ווייל ער וועט האבין הנאה פון פלייש עסין וועט ער זוכין ער זאל שטענדיג האבין פלייש צו עסין וועט ער גנבנן גזלנן מענטשין הרגנן] דאס איז נאר אז ער האט הנאה געהאט פון דעם פלייש וואס ער האט גיגעסין, דריבער קען זיין בכל שהוא וויפיל דיא פלייש איז גילעגין אין זאלץ אפילו נאר איין טאג האט שוין ארוים געצויגין דעם טעם פון פלייש אונ ער האט שוין פון דעם פלייש קיין הנאה געהאט לא ממשיך אונ ער וועט זיך ניט נאכציען נאך דעם פלייש, דריבער הייסט ער ניט אבן סורר ומורה ויין עד ארבעים יום אונ דיא וויין וואס אין קעלטער הייסט ניט וויין ביז פערציג טאג וואס די וויין איז ארוים פון די טרויבין, דריבער אויב דאס קינד האט גע־

